// THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT.

Subscription Price
50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue. Brooklyn, N. Y.

AUGUST 1922
VOL. II, No. 12

## A NEW TRIAL FOR RABBI SHAPIRO

A strong movement has been started in Poland to prevail with the government to grant a new trial in the case of the late Rabbi Shapiro. It was in the city of Plotzk, after the invasion of the Bolsheviki, that the Polish army arrived and arrested the rabbi. They accused him of being a Bolshevik, took him to trial and in short order sentenced him to be shot. Altho the rabbi is dead and buried, his friends are anxious for a new trial at which there shall be presented unquestionable proof as to the falsity of the accusation and the crookedness employed in the rendering of the verdict.

The Polish Government has not yet acted upon the appeal of the Jews to grant a new trial, but has been putting it off under various excuses and subterfuges. This, in itself, is a confession of the injustice done to Rabbi Shapiro. The Jews are putting forth every effort to secure a revision of that mock trial.

From a number of precedents we believe that this agitation will result in clearing the rabbi's name from the reproachful charge of Bolshevism. The cases of Dreyfus in France, Mendel Beilis in Russia, and others, have shown us that a new trial frequently opens blind eyes, brings justice to the accused one, and removes error and falsity by substituting truth in all its purity.

It would seem that these occurences where Jews are wrongfully accused are providential. It would seem that God has in those cases some lesson for us Jews to learn. It is this:—we as a people have kept silent for 1900 years in the matter of the trial of the Lord Jesus Christ before the Jewish tribunal in Jerusalem. We as a people have never demanded a new trial. History tells us that Pontius Pilate, Roman Governor in Jerusalem, asked the chief priests and elders of the people who forced him to sentence Christ to die, "Why, what evil hath he done?" "But they cried out the more, saying, let him be crucified"! Then again we read, "When Pilate saw that he could prevail nothing, but that rather a tumult was made, he took water and washed his hands before the multitude, saying, I am innocent of the blood of this just person. See ye to it. Then answered all the people and said, His blood be on us, and on our children." Matt. 27:23-25.

The trial of Jesus the Messiah as conducted by the Sanhedrin was devoid of even the semblance of justice or legality. It has been proven historically that the Sanhedrin Council was made up of men without moral integrity. It also has been proven that they had resolved beforehand to pass the sentence of death upon the Lord Jesus the Messiah. Nearly all the forms and ordinances relating to the conduct of a trial of that nature were wantonly violated and trampled under foot. For instance, the accepted and established Jewish law prohibited the transaction of legal business at night. (Mishnah, Sanhedrin, Chap. 4.1) Also in the same Mishnah the law prohibits such a trial on the eve of any holy day. But they violated both these laws, as is well known in history.

Another point of illegality is the fact that the judges together with the chief priests allowed, without protest, one of the officers to strike Jesus with the palm of his hand. John 18:22. The law enjoined upon the judges the use of humane and kind terms in addressing a prisoner, as "my son", or "my very dear daughter." Joshua 7:19. (Mishnah, Sotah, Chapter 1.4). Consequently this act of brutality disqualified those judges from being the right men to sit in judgment.

The fourth illegal act was the permission to bring false witnesses against Christ. See Matt: 26:59 and Mark 14:55.

Fifth. The law required that witnesses should be diligently inquisitioned. Deut. 18:19. Also, that the witnesses were to be administered an oath binding them to absolute truthfulness in all their statements. (Mishnah, Sanhedrin, Chapter 4.5.). But in their prejudice and haste they did not carry out either of these requirements.

Sixth. Those witnesses were examined simultaneously, whereas the law required that only one witnesses should be admitted for examination at a time.

Seventh. Those false witnesses testified that Christ had said He would destroy the temple. But it was found that they did not agree together. Mark 14:56, Matt. 26:16. This leaves no doubt that the prejudiced Sanhedrin were looking for some accusation of such a nature which would give them a legal pretext in the eyes of the people for the conviction and condemnation of their defenseless victim. Having no other ground upon which to justify themselves in the sight of the people for condemning Jesus they allowed false witnesses to come and testify with regard to Jesus boasting of destroying the Temple. This they were certain would excite the people to the utmost; for don't we remember that long before the Lord Jesus came all the people were intent upon killing Jeremiah the prophet for no other reason than that Jeremiah spoke against the Temple in the name of God? See Jere. 26. But to prove the falsity of those witnesses we have only to read the record in John 2:19,21 where the exact words of Jesus are quoted as follows:—"Destroy this temple and in three days I will raise it up. But he spoke of the temple of His body". Thus we see that he did not say as one witness testified, "I can destroy" or as the other "I will destroy." But He said "destroy" as one would say, when you will destroy this temple, meaning his body and referring to the crucifixion, I will raise it up in three days, that is that he would rise on the third day.

Eighth. That the testimony of the witnesses with regard to the temple was found insufficient, is proven by the fact that Caiaphas, the presiding high priest, asked Jesus, saying, "I adjure thee by the living God, that thou tell us whether thou be the Christ, the Son of God." Matt. 26:63. From this act we see that since there was not found any ground upon which to condemn the accused, Caiaphas turned to question the prisoner in the hope of extorting from him a confession of guilt. According to the law, when the accusation fell thru, they could not retain him as a criminal and prisoner. And again the law is, in Mishnah, Sanhedrin, Chapter 6.2. that no one is to bring an accusation against himself.

Ninth. When Jesus answered saying, "I am, then the high priest rent his clothes saying, He hath spoken blasphemy; what further need have we of witnesses?" Matt. 26:65. In the first place the high priest broke a religious law which strictly prohibits the tearing of his garments even as a sign of mourning. We read in Lev. 21:10 as follows, "And he that is the high priest among his brethren, upon whose head the anointing oil was poured, and that is consecrated to put on the garments, shall not uncover his head, nor rend his clothes." On the other hand the high priest was required to duly inquire into the reasonableness of the answer given him by the Lord Jesus. Justice required that such a statement should have been examined with the utmost care. The Bible should have been opened and a search should have been made with regard to the names and attributes ascribed to the Messiah and at the same time find out whether the Messiah is to be the son of God. The prophets plainly foretold us that the Messiah would be called Jehovah, the holy name of God. Jere. 23. And that the Messiah is to be the son of God, Psalm 2. This the high priest refused to do, but violated all the principles of justice and pronounced him a blasphemer without any examination whatsoever. Thus the law of God thru Moses which says the judges shall make diligent inquisition, Deut. 18:19, was brushed aside by the high priest in his vehement prejudice and jealousy.

Tenth. The law was that every member of the Sanhedrin or council should

Continued next page

vote in the following words, "I absolve" or "I condemn." Sanhedrin, Chapter 5.5. But in this case the high priest forestalled the decision of the other judges. He hastily and maliciously pronounced a condemnation before taking the votes of the judges and thus precluded the possibility of his colleagues differing from him in the character of their votes for it is well known that all the Jews greatly revered the high priest and considered him an infallible authority.

There were a good many other irregularities in that famous and tragic trial; but let the above suffice. Let us therefore as loyal Jews agitate for a new trial for Jesus our blessed Messiah. Let the rabbis assemble and let them reconsider, weighing the matter in the balance of Justice and truth, let them pronounce the Lord Jesus innocent. Let them proclaim all over the world that the Lord Jesus is, in truth, the Son of God, the Saviour of the world.

## גרויסע אידען

אין דיעזען נומער "רעה ישראל" שטעלען מיר דאס בילד פון דעם גרויסען איד הרב הגאון אברהם יעקב שווארצענבערג. רב ומרא־דאתרא אין לובלין, רוסלאנד.

אלס אן אייראפּעאישער רב איז ער ווי געוועהנליך געזעסען יומם ולילה על התורה ועל העבודה. ער האט געקענט ש"ס כמעט בע"פ. צוליעב זיין בקיאות און חריפות האבען אלע אויף איהם נעקוקט מיט גרוים יראת הכבוד. זיין הויפּט מאטא אין לעבען איז נעווען: "והוי מקבל את כל אדם בסבר פנים יפות". ער האט אלעמען ליעב געהאט, האבען אלע אויך איהם ליעב געהאט און איהם גרויס כבוד געגעבען.

הרב שווארצענבערג איז אבער אויך געווען א גרויסער בקי אין וועלטליכע וויסענשאפט. האט גערעדט אייניגע שפּראכען און טאקע צוליעב זיין גרויסע חכמה האט די קהלה איהם איינמאל ערוועהלט אלס דעלעגאט צו געהן אין אדיענץ צום צאר אלס מליץ־יושר פאר אידען.

אין יענער צייט האט בעדארפט א ווארשויער מיסיאנאר נאך לובלין צו קומען, כדי אויך די דארטיגע אידען מזכה צו זיין מיט דער בשורה טובה פון ישוע המשיח און איז אלס איד אריינגעגאנגען אין בהמ"ד וואו דער רב האט געלערנט מיט דיא בחורים דעם "שיעור".

דער מיסיאנער, אויך א היבשער למדן, האט זיך אויך אנידערגעזעצט צו דער גמרא און אלעמען איבערראשט מיט זיין בקיאות אין דער שווערער מסכת "חולין".

נאך'ן שיעור האט דער רב איהם שלום געגעבען און נאך א קורצען געשפּרעך באלד אויסגעפונען ווער אט־א־דער למדן איז: נעהמליך. א גלויבינער אין ישוע המשיח. דער רב האט זיך אויך איצט געהאלטען ביי זיין מאטא "והוי מקבל את כל אדם בסבר פנים יפות." און דאס האט איהם טאקע געהאלפען צו קומען צו דער הויכער מדריגה "בינה", צו פארשטעהן די סודות התורה וואס ציינען אונז אהין צו דעם משיח וואס איז דער "בן יה", וואס מאכט צוזאמען דאס ווארט בינה.

לכתחילה האט טאקע דער רב ניט זעהר נעגליכען דעם מיסיאנארס דיבורים וועגען ישוע המשיח אלס דעם "בן אלהים". ער האט אבער ניט געקענט אוועקמאכען מיט דער האנד דאס 2טע קאפּיטעל תהילים וואו נאט ב"ה זאגט צום משיח "בני אתה אני היום ילידתיך" און ניט איהם דארט די ממשלה איבער אלע פעלקער פון דער וועלט.

ווי א בליץ איז אונזער רב באלד דורכגעלאפען אין קאפ די גמרא סוכה ד"ף נ"ב ע"ב, וואו עס הייסט: "תנו רבנן, משיח בן דוד שעתיד להגלות במהרה בימינו אומר לו הקב"ה שאל ממני דבר ואתנה לך שנאמר אספרה אל חוק ד' אמר אלי בני אתה אני היום ילידתיך שאל ממני ואתנה גוים נחלתיך..." ער האט איצט איינגעזעהן אז ניט נור די גמרא ניט צו אז דאס 2טע קאפּיטעל תהילים געהט אויף משיח'ן נייערט דאס קאפּיטעל תהילים אליין הויבט זיך דאך אן מיט "על ד' ועל משיחו" וועלכעס קען ניט געהן אויף קיין אנדערען נור אויף ישוע המשיח וועלכער רעגיערט טאקע "עד אפסי ארץ".



הרב הגאון אברהם יעקב שווארצענבערג

דאס האט איהם אויך מוטה נעגעבען פון דעם מיסיאנאר צו צונעמען א ברית חדשה און עס צום ערשטען מאל צו לעזען. וואס מעהר ער האט עס געלעזען מעהר האט זיך אין איהם צוברענט דער "שלהבת יה" צו דעם אמת אין ישוע המשיח. ביז מיר דערהערען איהם איינמאל ביי זיין "שלש סעודות - טיש" זאגען תורה ענטנאמען פון דעם ברית החדשה.

דאס איז עפּעס נעווען אווי א דינער וואלט די גאנצע קהלה געטראפען. זיי האבען באלד איין אסיפה איינבערופען און האבען זייער רב וועלכען זיי האבען ביז איצט אזוי שטארק געעהרט און רעספּעקטירט. אבער צוליעב יענער "שלש סעודות־תורה" האבען זיי איהם ערקלעהרט פאר משוגע און ארויסגעווארפען פון דער שוהל.

דעם ערלען רב איז עס געביך נעווען א ריס אין הערצען, ניט אזוי ווייט צוליעב זיין אייגענעם פערלוסט און זיינע גייסטיגע ליידען ווייל ער האט דאמאלס שוין געוואוסט אז ישוע המשיח האט דאס נאך מיט 2000 יאר צוריק אנגעזאגט אז ס'וועט זיינע תלמידים אזוי געהן. (יוחנן ט"ז, 2) זיינע גרעסטע יסורים זיינען געווען קוקענדיג אויף זיין קהלה וועלכע ער האט אזוי געטריי געליעבט און איהרע אינטערעסען עהרליך געדיענט און יענע זיינען געווארען אזוי טויב און בלינד צו די דברי אלהים חיים וואס ציינען אהין אויף ישוע המשיח אט דאס האט איהם גרוים חלושת הלב פערשאפט.

וואס אנבעטרעפט דעם רב זעלבסט: וועלכע גרויסע אידען האבען דען ניט געליטען צוליעב דעם אמת? משה רבינו האט איינמאל אויסגעשריגען "עוד מעט וסקלונו". (שמות, י"ז, 4.). ישעיה הנביא האט מען אונ'רחמנותדיג אריינגעלעגט אין אן אויסגעהוילטען בוים און מ'האט דעם בוים צוזאמען מיט ישעיה הנביא איבערגעשניטען מיט א זעג אין העלפט. ( יבמות דף מ"ט; ירשלמי סנהדרין י ) ירמיה הנביא האט מען אריינגעווארפען אין א גרובען מיט ליים און ווען ניט אן עבד כושי וואלט ער דארט געווען אומגעקומען. (ירמיה ל"ח). זכריה הנביא האט מען נע'הרג'עט בין האולם ולמזבח. (דברי הימים ב' 24.) אליין צוליעב דעם ווייל זיי האבען צו די אידען דעם אמת געזאגט און די "צאן־קדשים" האבען עס ניט געקענט אויפפּאסען.

אזוי איז עס אויך אונזערן ערלען רב געגאנגען. א ווארף ארויס געגעבען פון דער שוהל... איהם ערקלעהרט פאר משוגע... און איהם אויסגעטיילט צרות אויף'ן פוד...

איין נחמה האט ער אבער פארט געהאט, נעהמליך, אין זיין קהלה האט זיך געפונען אייניגע ערלע אידען וואס האבען אויך איצטער גראדע ווי צופאר פון זייער רב געשעפט תורה און חכמה ממעיני הישועה, ווייל זיי האבען געליעבט דעם אמת אום יעדען פּרייז ווייל זיי זיינען געווען אנשי חיל ואנשי אמת, געטרייע אידען וואס האבען געגלויבט אין ישוע המשיח דורך דעם רב'ס דרשות וואס זיינען געווען באזירט אויף דעם מימרא ד' (תנ"ך)

אין יענער צייט זיינען אסאך שלעכטע גזירות ארויסגעגאנגען אויף אידען אין רוסלאנד, און טראץ דעם וואס זיין חברה האט איהם גע'רודף'ט עד חרמה צוליעב זיין גלויבען אין ישוע המשיח, האט אונזער גרויסער איד זיי דאך געליעבט אזוי ווי ישוע המשיח האט געהייסען אין מתתיהו ה. 44: "ואני אומר לכם אהבו את אויביכם". און ער איז ווידער נעגאנגען זיך משתדל זיין צום צאר לטובת ישראל און אסאך הנחות פאר זיי אויסגעווירקט.

דער גרויסער איד האט דערלעבט א הויכע עלטער פון 81 יאר. האט תמיד נעארבייט לטובת ישראל, ווייל ער האט נעליעבט דעם גואל ישראל.

---

פערלאנגט אונזערע טראקטאטען

1) קול קורא
2) מה שמו...
3) לשני בתי ישראל
4) ויכוח
5) הנה העלמה..
6) למה חרה לך

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10-11

# רעה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

Subscription Price 50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

AUGUST 1922
VOL. II, No. 12


## הרב שאפיראס פראצעס

ווי ס'איז אונז שוין בעקאנט, האבען דיא פאליאקען היגעריכטעט דעם רב שאפירא אין פלאצק, רוסלאנד.

דאס איז געוועזען נאך דער באלשעוויסטישער אינוואזיע. ווען די פאליאקען זיינען אנגעקומען אין דער דערמאנטער שטאדט האבען זיי דעם רב בעשולדיגט אז ער איז א באלשעוויק און האבען איהם פעראורטיילט צום טויט. אסאך אידען האבען דיא רעגירונג אויפגעפאדערט צו מאכען א רעוויזיע, ד"ה, מ'זאל דעם גאנצען בעשולדיגונגס אקט נאכאמאל פארלייגען פאר'ן געריכט כדי זיי זאלען קענען בעווייזען אז די פאליאקען האבען דעם רב פאלש בעשולדיגט. די רעגירונג האט אבער די אויפפאדערונג פערווארפען. איצט האט מען אבער אנגעפאנגען אן ערנייערטע באוועגונג און מ'פיהרט אן א שטארקע פראפאגאנדע אין אידישע צייטונגען צו צווינגען די רעגירונג צו רעווידירען דעם פראצעס פון הרב שאפירא.

די פאליאקען לאזען זיך נאך ניט באגניגען מיט דעם וואס זיי האבען דעם רב שאפירא דער'הרג'עט דורך א פאלשער אנקלאגע, זאנדערען זיי דערמאנען דאס זעהר אפט אין דער פרעסע אלס א ביישפיעל, צו בעווייזען אז אלע אידען זיינען באלשעוויקעס. והא ראיה, זייערער א רב איז דאך אויך געווען א באלשעוויק...

דיעזער שריט מצד די פוילישע אידען איז לויבענס־ווערט. אין דעם זעהען מיר אן אויסניעסונג פון געפיהלען בנוגע דעם אידישען כבוד און דעם כבוד התורה. עס איז לעולם ביי קיינעם קיין צווייפעל אז דער רב שאפירא איז ניט געווען א באלשעוויק. די פאליאקען האבען נור אויף איהם א בלבול אויסגעטראכט כדי צו דעגרעדירען דעם כבוד התורה און זיך טשעפען צו אידען. דערפאר איז עס טאקע נויטיג צו מאכען א נייעם טרייעל און ריין וואשען דעם רב'ס גוטען נאמען, און במילא פערניכטען דעם פונדאמענט אויף וועלכען די פאליאקען בויען אימער נייע בעשולדיגונגען אז בכן אלע אידען זיינען באלשעוויקעס.

דאס וואס די רעגירונג האלט אין איין אפלייגען: די רעוויזיע איז אן־און־פאר־זיך א בעוויז אז דער טרייעל אין וועלכעם הרב שאפירא איז פערדאמט געווארען, איז געווען אומגעזעצליך, פאלש און רשעות'דיג אויף'ן ערגסטען אופן...

עס איז שוין אסאך מאל בעוויזען געווארען אז דיא געריכטען מיט זייערע געלערענטע דזשאדזשעס האבען פערקרומט און געפעלשט דאס משפט. ווי למשל אין דעם "דרייפוס פראצעס", די מענדל ביילים קעיס" וכדומה, וועלכע זיינען פרייה געווארען ביי א צווייטען טרייעל וואס גרויסע לאיערס האבען דורך גרויס מיה צו שטאנד געבראכט. זאל טאקע אויך איצט די אידישע פרעסע פארטזעצען די שטארקע אגיטאציע פאר א נייע רעוויזיע כדי דער אמת זאל גובר זיין איבער'ן שקר.

ס'שטעלט זיך דא אבער א פראגע: צו וואס האט גאט ב"ה פון לכתחילה אן ערלויבט א פאלשען טרייעל אז מ'זאל געצוואונגען זיין שפעטער צו מאכען א נייעם טרייעל? מיר אידען גלויבען דאך אז "הכל בידי שמים", איז דאך טאקע די קשיא אויב ס'איז געווען דער רצון הבורא אז מענדעל ביילים און דרייפוס זאלען ענדליך פריי געשפראכען ווערען צו וואסזשע האבען זיי בעדארפט קודם פעראורטיילט צו ווערען?

גאט ב"ה האט אבער אן אורזאך אין יעדער באוועגונג. ווער עס האט נור אפענע אויגען קען זעהן גאט'ס כונה אפילו אין דעם ענין פון "צווייטע טרייעלס". דער זוהר הקדוש זאגט: "לית אתר פנוי מניה". ס'איז ניטא אן ארט אהן גאט'ס ווירקונג. אויך דער נביא זאגט אונז: "בכל דרכיך דעהו", מיר מוזען דערקענען גאט'ס האנד אין אלע אונזערע וועגען און זאכען.

אין דעם ענין פון רעווידירען דעם טרייעל פון הרב שאפירא דערזעהען מיר אז גאט ב"ה האט דאס אומיסטנע צוגעלאזט, כדי אידען צו עראינערען אז ס'איז פערהאנען א טרייעל וואס איז מתחילתו ועד סופו צוגעגאנגען מיט פאלשקייט, און מ'מוז פערלאנגען א רעוויזיע. מיר מיינען דא טאקע דעם טרייעל פון ישוע המשיח פאר די סנהדרין מיט 1900 יאר צוריק. זאל מען אנהויבען צו אגעטירען צווישען אלע אידען איבער דער גאנצער וועלט אז מ'זאל אויפ'ס ניי אונטערזוכען די קעיס און בעווייזען אז ישוע המשיח, דער גרעסטער איד פון אלע צייטען איז געווען אונשולדיג און ריין, "על לא חמס עשה ולא מרמה בפיו", און דאך האט מען איהם אזוי רשעות'דיג און אונגעזעצליך פאראורטיילט.

דיעזע רעוויזיע איז נויטיגער פאר'ן אידישען פאלק אלס אלע אנדערע רעוויזיעס ווייל עס איז נישט געוועזען איין איד אין דער וועלט אז יעדער מענש זאל איהם קענען און אזוי עהרען אזוי ווי ישוע המשיח. דיא אנטיסעמיטען פארדריסט זעהר שטארק וואס מ'טהוט אן א איד אזא גרויסען כבוד, האלטען זיי דערפאר אין איין שרייען אז, באשר, די אידישע ביבעל איז ניט אמת ווייל נור אידישע שווינדלער האבען עס אנגעשריבען. זיי זאגען אז אפילו ישוע המשיח איז אויך ניט בעסער געווען ווי אלע אנדערע אידען, והא ראיה, די אידישע סנהדרין אליין האבען דאך איהם צום טויט פעראורטיילט. שרייען די אנטי־סעמיטען בכן אז אויב דער גרעסטער איד ישוע המשיח פון וועם דיא גאנצע וועלט האלט אזוי שטארק איז געווען אזוי שלעכט אז זיינע אייגענע בריעדער האבען איהם פערדאמט צום טויט, וויא שלעכט און פיעל ערגער מוזען אלע אנדערע אידען זיין!

דערפון קען מען שוין לייכט זעהן וויא נויטיג עס איז צו מאכען א רעוויזיע אויף'ן טרייעל פון ישוע המשיח.

מיר לייענען אין'ם ברית חדשה אז דער גאווערנאר "פילאטוס" האט געזאגט צו די סנהדרין אז ער האט קיין פעהלער געפונען אין ישוע המשיח ער האט זיך אפגעוואשען זיינע הענד און האט געזאגט אז זיי, די אידען, זיינען פעראנטווארטליך פאר דעם אונשולדיגען בלוט פון ישוע המשיח און ער, דער גאווערנאר, איז ריין דערפון. האבען זיי אלע אויסגעפלאצט אין איין געשריי: "זיין בלוט זאל קומען איבער אונז און איבער אונזערע קינדער". מיר אידען זאלען אבער רעווידירען יענעם טרייעל און ארויסגעבען א גערעכטען משפט, וויזענדיג: אז די סנהדרין האבען ענטוועדער א טעות געמאכט אדער זיי זיינען געווען בעאיינפלוסט פון דעם פאראורטייל פראדוצירט פון קנאה און שנאת־חנם געגען ישוע המשיח.

ווען מיר אידען זאלען ריינוואשען דעם אונשולדיג־פעראורטיילטען נאמען פון דעם הייליגען משיח, ווען מיר זאלען זאגען אזוי וויא יוסף'ס בריידער האבען געזאגט איבער יוסף'ן: "אבל אשמים אנחנו על אחינו", ניט ער איז שולדיג געווען נייערט מיר וואס האבען איהם אונשולדיגערהייט פעראורטיילט, וועלען אונזערע שונאים די אנטי־סעמיטען במילא קיין פתחון פה מעהר האבען דעם אידישען כבוד צו בעשמוצען און וועלען איבער אונז מעהר קיין שליטה האבען אזוי וויא זיי האבען ביז איצט תמיד איבער אונז געהאט.

אפשר וועט זיך דאך ישראל בארענקען און פארשטעהען דיא עראייגניסען וועלכע פאסירען אזוי